מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשת **ויצא** תשפ"ד ◆ עלון מס': **126**

## דברים שבלב

אויסצויגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### בטחון איז מען קונה - ווען זאכן גייען גוט

עס איז דא א מורא'דיגע מדרש אין דברים רבה [א. יב].

דער מדרש זאגט אמר רבי לוי בר חמא ומה מי שעובד עבודת כוכבים הרי הוא כמותו, שנאמר: "כמוהם יהיו עושיהם, כל אשר בוטח בהם" (תהלים קט"ו-קל"ה), **מי שעובד להקדוש ברוך הוא, לא כל שכן שיהיה כמותו, ומנין? שכך כתוב: "ברוך הגבר אשר יבטח בה'"** (ירמיה י"ז).

פון די מדרש זעען מיר א מורא'דיגע זאך. מיר לערנען ארויס אז געווי ווי דער זיך פארלאזן אויף די עבודה זרה און גלייבן אז דער אפגאט וואס איז געמאכט דורך א מענטש און קען נישט רירן זיינע הענט און זיינע פיס, אז אפילו אז מען זאל אים אונטערלייגן א טייך פון שארפע טאביק וועט ער איר נישט קענען דערשמעקן, וועלן די אלע וואס גלייבן אין אים זיין ווי אים, וועט להבדיל אויך זיין פארקערט, אז דער וואס וועט זיך מדבק זיין אין הקב"ה זיין ווי אים.

עס איז פשוט אז מיר קענען נישט זיין ווי הקב"ה, אבער עס קען זיין אז דא אין דעם פסוק באהאלט זיך א געוויסע כוונה. דער פסוק זאגט אונז אז ווען א איד לעבט אין אזא הויכע דרגה פון בטחון בשם און ווערט דבוק אין הקב"ה, וועט ער זוכה זיין אנצוקומען צו די דרגה פון צדיק, און מיר ווייסן אז ביי א צדיק ווערט מקויים דער 'צדיק גוזר והקב"ה מקיים' און מיט דעם פרט וועט ער מקיים דער 'כמוהם יהיו' אויף א גוטער וועג.

א איד וואס לעבט אזוי, איז נישט נאר זוכה צו די דערמאנטע ברכה, ער אליין גייט אריין אין די גדר פון ברכה, און ווי דער רד"ק אויפ'ן ארט טייטשט אויס דער פסוק 'והיה ה' מבטחו', אז דער וואס פארלאזט זיך אויפ'ן בורא כל העולמים איז גאראנטירט אז ער וועט ניצול ווערן פון אלעם בייזן ווייל די בטחון היט אפ א מענטש פון אלעס שלעכטס, עס איז ווי ער האט א פארזיכערטע פושקע וואס היט אים אפ פון שלעכטע זאכן, ער קען אריינגיין אין איר און ווערן באשיצט פון אלעס אויף די וועלט און זוכה זיין צו א ברכה.

וויאזוי איז מען זוכה דערצו? דער הייליגער שפת אמת שרייבט [עקב תרנ"ב] אז אסאך זענען זיך טועה און מיינען אז בטחון איז נאר ווען א איד איז אין אן עת צרה, אבער די אמת'ע בטחון איז ווען אלעס גייט ווי מען וויל, און ווי דער פסוק זאגט [תהלים ס"ב] בטחו בו בכל עת - אז די בטחון איז אין יעדע צייט.

ווען אלעס גייט אין שפאן, ווען די קינדער פירן זיך אויף גוט, ווען עס איז נישט צי הייס אדער צי קאלט, ווען עס איז נישט דא קיין חובות, ווען עס איז דא גענוג געלט אין די באנק קאונטע, דאן איז אין א געוויסער מאס א גרעסערע קונסט צו זיין א בעל בטחון און ווי דער פסוק זאגט **'וזכרת את ה' כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל'**.

אין אזא צייט קען א מענטש אנקומען זיך איינצורעדן אין דעם כוחי ועוצם ידי, אז ער מאכט עפעס, אבער אז מען שטארקט זיך אין אזא צייט אין די מידה פון בטחון, מען געדענקט אז אלעס קומט פון אויבן, אז גארנישט האט דער מענטש אליין געמאכט, איז מען אמת'דיג קונה די מידה פון בטחון.

מען קען אסאך מאל זען א איד וואס איז אן אמת'ער בן תורה, א בן עליה, ער זיצט פון צופרי ביז ביינאכט על התורה ועל העבודה, אבער ווען ער האט די קלענסטע נסיון אין בטחון ווערט ער אויס מענטש, ווען איינער שטופט אים איז ער מלא טענות, ער גלייבט אז יענער האט עס אים געטון און ווערט אויפגערעגט אויף יענעם און וויל אים נישט קוקן אין פנים.

די ארומיגע פארשטייען נישט וואס גייט דא פאר? וויאזוי קען אזא זאך געשען צו אזא איד? אבער די נקודה איז אז דער איד האט טאקע געארבעט אויף אנדערע זאכן אבער די נושא פון אמונה און בטחון איז ביי אים שוואך.

נאר ווען א איד וועט אסאך אריינארבעטן אין די מידה פון בטחון, ער וועט זיין אויסגעקאכט אין בטחון, דער 'עשה ועושה ויעשה לכל המעשים' וועט זיין א חלק פון אים, ווייל ער האט עס קונה געווען אין א צייט פון ישוב הדעת, וועט ער זוכה זיין צו שטייגן מעלה מעלה אין בטחון און אנקומען צו די דערמאנטע דרגה פון 'כמוהם יהיו עושיהם' אז ער וועט זיין איינס מיט הקב"ה.

זאל הקב"ה העלפן אז מיר זאלן אנקומען צו אזא הויכע דרגה אין אמונה און זוכה זיין צו די הייליגע השגה און דערגרייכן די מידה פון צדקות.

[ארויסגענומען פון שיעור 327 אין שער הבטחון]

די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4 [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### טעראריסטן אין שטאט - די גרויסע מתנה וואס כ'האב באקומען

עס דערציילט מיר א איד פון די שטאט ביתר:

עס איז געווען ליל שבת קודש שבת בראשית, א וואך נאך דעם וואס כלל ישראל האט מיטגעמאכט די שווערע טראגעדיע פון שמחת תורה, ווען די געשמאקע און אנגענעמע שבת'דיגע אטמאספער איז מיטאמאל צושטערט געווארן.

א הויכע סירענע פייף האט אפגעהילכעט אין די גאנצע שטאט.

האלטנדיג עטליכע טעג נאך דעם וואס עס האט מערערע מאל געפיפן זענען מיר נישט אריין אין א פאניק הערנדיג דעם פייף, אבער וואס עס האט נאכגעפאלגט נאך דעם האט אונז יא דערציטערט, ביז צו די טיפסטע טיפעניש.

"טעראריסטן האבן זיך אריינגעכאפט אין די שטאט - זייט פארזיכטיג".

אזא געשריי איז אייביג שרעקעדיג! אבער האלטנדיג א וואך נאך דעם וואס מען האט זיך אנגעהערט פון די ביטערע געשעענישן, האט דאס אנגעזייעט א שרעקעדיגע פאניק אין די שטאט.

מיר האבן אנגעהויבן טראכטן וואס קענען מיר טון דערצו.

עס איז דאך א מצב פון פיקוח נפש!

צי זאל מען פארשפארן די טיר און פארקנאקן די פענסטערס? מיר האבן דאך שוין געזען וויפיל עס האט געהאלפן פאר די אידן א וואך פריער.

אבער וואס קענען מיר יא טון?

אפשר איז עס א פאלשער אלארם? האט זיך אריינגע'גנב'ט ביי אונז א מחשבה'לע. עס קען זיין, אבער עס איז שבת היינט און מיר האבן נישט וועמען צו קלינגען און אויסגעפינען צי דער אלארם איז אן אמת'ע אדער א גרייזיגע.

וואס יא? מיר זענען געווען הילפלאז, און אז מען איז הילפלאז, אז מען קען גארנישט טון, איז דא איין עצה - זיך צו ווענדן צום גרויסן טאטן אין הימל און אים בעטן ער זאל אונז באשיצן.

דער רבוש"ע איז אייביג דער איין איינציגסטער היטער, אבער צומאל רעדט מען זיך איין אז מיר קענען עפעס טון. נאר פון צייט צו צייט איז מען זוכה צו די גרויסע מתנה, צו די טיפסטע אנערקענונג פון אין עוד מלבדו.

ווען א איד איז זוכה צו אזא אנערקענונג, איז עס די גרעסטע מתנה וואס ער קען נאר האבן אין זיין לעבן. דער איד דארף שוין גארנישט, ער וויל שוין גארנישט. ער איז שוין מער נישט נערוועז. ער ווייסט אז זיין נערוועז וועט אים סיי ווי נישט העלפן, אז עס איז נישט דא קיין שום פעולה אין די וועלט וואס קען אים העלפן, ער איז נאר אין די הענט פון דעם רבוש"ע, און ער איז זוכה צו א זעלטענע און א פעסטע שלוה, א רואיגקייט.

איך האב גערעדט וועגן דעם און איך האב עס איבערגעזאגט צו די קינדער און אלע האבן עס אנגעהויבן שפירן. די שבת סעודה איז געווארן איבערגעדרייט צו א סעודה פון אמונה, מען האט גערעדט דברי אמונה, מען האט געזינגען ניגונים פון אמונה און זיך געשטארקט מיט די דערמאנטע אנערקענונג.

עס איז געווען א מתנה פון דעם רבוש"ע.

דער איד מיט זיין משפחה האט זוכה געווען צו דעם געפיל יענעם שבת, אבער וואויל און גליקליך איז פאר די אידן וואס לעבן מיט דעם אייביג. זיי דארפן נישט אנקומען אז די טעראריסטן זאלן זיי געבן די געפיל, זיי האבן עס אייביג.

עס איז דא טייערע אידן וואס מוטשענען זיך מיט פרנסה, מיט שידוכים, מיט געזונט און מען דאגה'ט וואס גייט זיין. מען ווייסט נישט וואס מען זאל טון אדער וואס מען קען טון.

מען טוט און מען טוט, אבער ענדע נאך אזויפיל טון קומט מען אן צו די געפיל אז עס איז נישט אין אונזערע הענט און מען פארלירט די נערוועזקייט.

ווי גוט וואלט ווען געווען ווען מען דארף נישט ווארטן אזוי לאנג אנצוקומען צו דעם געפיל - ווען מען קען עס האבן גלייך, אז ווען עס קומט אונטער א שוועריגקייט, גייט מען גלייך צו די אמונה און מען שטארקט זיך אין איר, ווויסנדיג מיט א קלארקייט אז נאר הקב"ה קען העלפן.

אז מען לעבט אזוי איז מען זוכה צו פארטרייבן די פינסטערניש שוין די ערשטע מינוט.

זאל השי"ת געבן אז מען זאל זוכה זיין צו פארטרייבן די חשכות שוין אין די ערשטע מינוט און נישט דארפן אויסווארטן אזוי לאנג, נאר אלעס זאל זיין קלאר און לעכטיג אייביג, אין יעדע צייט.

גוט שבת
**פינחס שפר**

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.
שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:
פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון אוסטרליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633
• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## די וואונדערליכע הצלה - אין זכות פון היטן אויף כשרות

געציילטע טעג נאך שמחת תורה האב איך זיך ארויסגעלאזט מיט אפאר פון מיינע נאנטע צו א ישוב אין דרום טייל ארץ ישראל צו מנחם אבל זיין א איד, וועלכער האט פארלוירן זיינע נאנטע ביי די ביטערע געשעעניש אין דער פארלאפענער שמחת תורה.

דער איד האט ליידער פארלוירן זיין טאכטער, זיין איידעם און דריי קינדער פון די כפר עזה געגענט.

די צער פון דעם איד איז געווען אומבאשרייבליך. ער איז געווען שרוי בצער און מיר האבן געזוכט די פאסיגע ווערטער אים צו טרייסטן.

אזוי שמועסנדיג מיט אים האבן מיר א פרעג געגעבן דעם איד ווען ער האט די לעצטע מאל געזען זיינע קינדער.

”זיי זענען דא געווען די ערשטע טעג סוכות”, האט דער איד דערציילט.

”דער פלאן איז געווען אז מיר וועלן גיין צו זיי אויף די צווייטע טעג פון סוכות, אויף הושענא רבה און שמחת תורה”.

ווייסנדיג אז זייער קינד האט געוואוינט אין כפר עזה, האבן מיר אים אויפגעמערקט אז אויב זיינע פלענער וואלטן זיך אויסגעארבעט וואלט ער געווען שמחת תורה אין כפר עזה.

”עס הייסט אז דו ביסט ניצול געווארן פון א גרויסע סכנה....”.

דער איד האט זיך געכאפט ביים קאפ, און זיך אנטשולדיגט פאר אונז אז זייענדיג אזוי פארנומען מיט די ביטערע פארלוסט, האט ער ניטאמאל אריינגעטראכט אז ער אליין איז בעצם ניצול געווארן.

און פארוואס טאקע זענט איר נישט געפארן צו זיי אויף שמחת תורה? האבן מיר ווייטער געפרעגט.

פרעגנדיג די שאלה, האט אונז אפגעווארט אן אינטערעסאנטער און א הימלישער געשעעניש.

”אין די לעצטערע יארן זענען מיר זייער מקפיד צו עסן כשר'ע עסן מיט א גוטע הכשר. ליידער זענען די קינדער נישט געווען אזוי פרום, און יעדע מאל ווען מיר פלעגן גיין צו זיי פלעגט מיין פרוי אפקאכן די סעודה און עס אהין געטראגן”.

די יאר האט געהייסן אז אויך מיין איידעמ'ס עלטערן וועלן זיין דארט, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז מיין פרוי האט געדארפט אפקאכן א סעודה פון דרייסיג פארציעס.

עס איז געווען הושענא רבה ווען מיין פרוי האט

## ווען די מאמע בעט - קום מאכן קידוש פאר אונז!

אלץ איינער וואס איז זוכה מקרב צו זיין יונגע קינדער וואס זענען ליידער נישט אויפ'ן ריכטיגן וועג האב איך די וואך זוכה געווען צו הערן א מורא'דיגע מעשה וואס האט מיר מורא'דיג שטארק באנומען.

דערציילט א זעכצן יעריגער בחור א מורא'דיגע מעשה, ווען ביים ענדע פון די געשיכטע, האט ער געבעטן אז מען זאל לערנען משניות לעילוי נשמת זיינע אומגעקומענע חברים.

”איך וואוין אין שדרות”, זאגט דער בחור.

אין די לעצטערע יארן האב איך זיך געשטארקט, און איך בין היינט א שומר תורה ומצוות, אבער ליידער בין איך אליין אויפ'ן פראנט, מיינע עלטערן זענען נישט קיין שומרי תורה ומצוות.

נאך פאר יום טוב האבן מיינע עלטערן מיר מודיע געווען אז זיי וועלן ווייל אויף יום טוב אין צפון טייל ארץ ישראל. זיי האבן געבעטן אז איך זאל מיטקומען מיט זיי, אבער ווייסנדיג פון ערפארונג וויאזוי זייער יום טוב וועט אויסזען, אין א פרייער צושטאנד, האב איך באשלאסן אז איך בלייב דא.

מיר זענען געווען א גרופע פון דריי חברים וואס שטארקן זיך אין אידישקייט, און ווייסנדיג אז איך בלייב דא אליין האבן מיר באשלאסן אז מיר וועלן צוזאמען פראווענען דעם יום טוב.

אלעס איז שוין געווען גרייט, אבער אהיימקומנדיג פון שול הושענא רבא נאכ'ן דאווענען האב איך געטראפן אויפ'ן טיש א צעטיל וואס מיין מאמע האט מיר געשריבן.

”איך בעט דיר, מיין טייערע זון, קום מיט אונז, אונז דארפן איינער וואס קען מאכן פאר אונז קידוש”.

זעענדיג אזעלכע הארציגע ווערטער, און נעמענדיג אין באטראכט אז נאך אלעס וויל זי זיך דערנענטערן צו אונז און זי בעט אז איך זאל מאכן קידוש, האב איך באשלאסן אז איך וועל יא גיין מיט איר.

מיינע עלטערן זענען שוין געווען אונטערוועגנס אבער הערנדיג אז איך קום מיט זיי, האבן זיי זיך אויסגעדרייט און זיי זענען צוריקגעקומען מיר אפנעמען.

מיר האבן געפראוועט א יום טוב אין צפון, אבער מיינע חברים זענען געבליבן אין שדרות און האבן געפראוועט אינאיינעם די יום טוב.

זיי זענען אויפגעשטאנען צו דאווענען ותיקין, אבער נאך זייענדיג אונטערוועגנס צוריק פון דאווענען זענען זיי נעבעך דערשאסן געווארן צום טויט הי"ד.

זיי האבן עס נישט איבערגעלעבט, אבער איך יא, און אלעס אין זכות פון כיבוד אב ואם.

מיר זענען קליינקעפיג צו פארשטיין חשבונות שמים, אבער אזוי איז עס געווען.

## אַן אינזל פון שבת

די מעשה האט מיר דערציילט א איד, צולייגענדיג אז די מעשה האט ער געהערט פון א ברודער פון דער בעל המעשה.

מעשה שהיה אז אין א חשוב'ער שטוב איז איינער פון די קינדער ליידער אראפ פון דעם אידישן וועג. ער האט אפגעלאזט אלעס אין די וועלט און אפגעהאקט מיט די שטוב און מיט דער גאנצער ארום.

עטליכע יאר איז אריבער פון די געשעעניש. אין א טאג האט זיך ליידער געמאכט אז זיין מאמע איז פריצייטיג אוועק פון די וועלט. איר פטירה האט גורם געווען אז דאס קינד זאל זיך מקבל זיין עפעס לעילוי נשמתה, ער האט זיך מקבל געווען צו היטן שבת.

ליידער האט ער מער גארנישט געהאלטן, אבער אויף שמירת שבת האט ער נישט מוותר געווען. מיט אלע כוחות האט ער געהאלטן שבת, אויך ווען עס איז אים נישט אנגעקומען גרינג.

אביסל פאר שמחת תורה האבן אים זיינע נאנטע אייגעלאדענט ער זאל מיטקומען מיט זיי פראווענען די פארוויילונג אין דרום טייל ארץ ישראל. אין די ערשטע מינוט האט ער עס אפגעזאגט, זאגנדיג אז דאס קען נישט גיין אינאיינעם מיט שמירת שבת, אבער ענדע האבן זיינע פריינט געהאט פאר אים א פארשלאג, זיי האבן געזאגט אז מען גייט אויסארבעטן א וועג וויאזוי מען קען אריינכאפן ביידע וועלטן, זיין דארט און אויך היטן שבת.

## מפיצים אמונה ומחיים נפשות

עס רעדט דא א בחור וואס וואוינט אין דרום טייל ארץ ישראל. אלץ איינוואוינער פון ארץ ישראל גייען מיר אריבער שווערע צייטן. עס פייפט און מען האלט אין איין הערן גערודער פון שיסעריי און אויפרייס. איך וואלט שוין לאנג געווארן דיפרעסט און אנטוישט, די איינציגסטער זאך וואס האלט מיר קלאר און רואיג איז די האטליניע וואס איר האט. אדאנק דעם קען איך דורכשוויצן די צייטן און זיך האלטן רואיג, מיט ישוב הדעת. א ווארעמען דאנק פאר אייך! זייט ממשיך מיט אייערע פעולות, כלל ישראל דארף אייך האבן.

## מפיצים אמונה ורואים ישועות

ווען מיין טאכטער איז אנגעקומען צו די עלטער פון שידוכים האבן מיר זיך געמוטשעט מיט'ן טרעפן א פאסיגן שידוך. די שדכנים האבן געקלינגען און פארגעלייגט הצעות אבער די אלע הצעות זענען געבליבן הצעות, עס האט זיך גארנישט גערירט אויף למעשה. זוכנדיג נאך א גוטע סגולה האב איך באשלאסן אז איך גיי נ תורם צו זיין עלונים פאר די שולן, גלייבנדיג אז אין די זכות פון שטארקן אנדערע מיט אמונה און בטחון וועט זיכער ממשיך זיין די ישועה. איך האב ביי מיר אין שטוב באשטימט א פושקע פאר די מטרה און יעדע מאל ווען איך האב געהאט ביי מיר געלט, האב איך אריינגעלייגט אין דעם געלט. מיט די צייט האט זיך דארט אנגעזאמלט א שיינער סומע און איך האב עס איבערגעגעבן פאר די מכון. אזוי האב איך זיך געפירט פאר א שטיק צייט. אין דער פארלאפענער חודש חשון האב איך צוגעזאגט אז ווען איך וועל געהאלפן ווערן וועל איך מפרסם זיין די ישועה ברבים. ברוך השם אז מיר האבן שוין געזען די ישועה און איך בין דא מפרסם די ישועה גדולה וואס איך האב געהאט, מיין טאכטער איז שוין א כלה בשעה טובה ומוצלחת.

זיי האבן באשלאסן אוועקצושטעלן אויפ'ן ארט א קאראוואן ווי אין די קאראוואן גייט מען היטן שבת. מען האט עס איינגערישט מיט א שבת בלעך, מיט אלע איינריכטונגען, אז מען זאל קענען היטן שבת.

אינאיינעם מיט די קאראוואן האבן זיי זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג צו די פארברענג. זיי זענען נאך געווען אונטערוועגס, ווען דער טאטע פון דעם בחור האט א היסטערישער אנגערופן זיין זון און זיך געבעטן ביי אים:

"איך בעט דיר! קום שוין אהיים! איך האב א שלעכטער געפיל וועגן די גאנצע זאך".

דער קינד האט נישט געוואלט הערן פון דעם, אבער דער טאטע האט זיך געבעטן ביי אים.

"ווייסט דאך, איך האב זיך קיינמאל נישט אריינגעמישט אין דיין לעבן, אבער, יעצט, איינמאל, געב מיר נאך מיין געבעט".

דער קינד האט אים נאכגעגעבן. ער איז אהיימגעקומען און זיין לעבן איז געראטעוועט געווארן.

דער בחור איז אהיימגעקומען, אבער די קאראוואן האט ממשיך געווען מיט איר וועג קיין דרום טייל ארץ ישראל. ווען די ביטערע טראגעדיע האט פאסירט, האבן זיך די בחורים באהאלטן אין איר, אבער די טעראריסטן האבן נישט געקענט אריינגיין אין איר.

זעענדיג אז זיי קענען נישט אריינגיין אין איר האבן זיי עס אונטערגעצינדן אבער די פייער האט נישט געכאפט.

אין זכות פון שבת זענען זיי אלע ניצול געווארן פון א זיכערן טויט.

דער קאראוואן האט געדינט ווי אן אינזל אין דעם גרויסן ים.

## א שטילע שמונה עשרה

איך האב א זון אין די שטאט אופקים, און ער האט מיר דערציילט א מורא'דיגער זאך.

מען ווייסט דאך אז די טעראריסטן זענען געווען איבעראל. צווישן אנדערע זענען זיי אויך אנגעקומען קיין אופקים און האבן געהאט מאפעס פון די שטאט.

דאס מאכט שווער פארוואס האבן זיי איבערגעהיפערט די שול אין אופקים.

די קשיא איז שווער געווען פאר די גבאים פון די שול אין אופקים. זוכנדיג אן ערקלערונג דערצו, האבן זיי באשלאסן אז זיי גייען נאכקוקן די זיכערהייט קעמערא פון די שול.

וואס זיי האבן געטראפן האט זיי זייער שאקירט. ווי עס שטעלט זיך ארויס זענען די טעראריסטן אנגעקומען פונקט ווען מען האט זיך געשטעלט דאווענען די שטילע שמונה עשרה.

אין די בנין האט געהערשט א שטאקיגע שטילקייט. אויף די בילדער זעט מען ווי די טעראריסטן שטיין דארט פארוואונדערט, זיי קענען נישט באשליסן וואס אזוינס גייט דא פאר.

נאך א מינוט פון שטילקייט, באשליסן זיי צווישן זיך אז ווארשיינליך איז די בנין ליידיג און זיי גייען ווייטער.

די שטילע שמונה עשרה האט מציל געווען.

## א שידוך אונטערוועגנס

ווען מיינע משפחה מיטגלידער פון ענגלאנד האבן באשלאסן אז זיי גייען פראווענען דעם יום טוב סוכות אין ארץ ישראל, האבן זיי נישט גענומען אין חשבון אז עס גייט אויסברעכן א קריג און אז דער וועג אהיים, וועלכער האט אויסגעזען אזוי נארמאל און נאטורליך, וועט פארוואנדלט ווערן אין איין לאנגער פלאנטער.

שוין גלייך מוצאי יום טוב, ווען די בילד איז געווארן קלאר, ווען מען האט אנגעהויבן באגרייפן וואס עס איז דא געשען, האט זי געהערט אז אלע לופטליניעס האבן אפגעשטעלט זייערע פליגערס און מען קען נישט קומען און גיין פון ארץ ישראל.

נאך עטליכע טעג פון ווארטן אז זאכן זאלן זיך א ריר געבן האבן זיי זיך ענדליך געטראפן אויף א פליגער צוריק. פארנדיג דורך קפריסין האבן זיי מיטגעמאכט א וועג פון דרייסיג שעה, ביז ווען זיי האבן זיך געזען צוריק אינדערהיים.

זיי זענען נישט געווען אליין. מיט זיי איז אויך געווען נאך משפחות, און צווישן זיי איז אויך געווען איין משפחה וועלכער האט געהאט מיט זיך א מיידל אין די עלטער פון שידוכים.

זייענדיג אזויפיל שעה'ן צוזאמען האט די משפחה זיך אומגעקוקט אויף די מיידל און געקלערט אז עס קען זיין א פאסיגער שידוך פאר זייער בחור.

דער זיין אזויפיל שעה'ן אינאיינעם איז געווען גענוג און נאך צייט אז מען זאל זיך קענען איבערגעצייגן אז עס איז א פאסיגער זאך. גלייך ווען מען איז אנגעקומען אהיים האט מען אנגעהויבן טון דערוועגן.

דער בחור, וועלכער איז אינדערצווישן געווען אין ארץ ישראל, איז אהיימגעקומען און שפעטער איז די שידוך געווארן א שידוך.

זיך אנגערופן צו מיר אז עס פאלט איר שווער דער גאנצער קאכעריי, און זי האט אנגערופן אונזער טאכטער און איר איינגעמאלדן אז זי קומט נישט אויף יום טוב.

"מיר וועלן קומען צו דיר אין א צווייטע געלעגנהייט", האט די מאמע א זאג געגעבן פאר'ן קינד.

די המשך ווייסט מען דאך אליין.

אין זכות פון אפהיטן כשרות איז דער איד געראטעוועט געווארן פון א זיכערן טויט.

## די כח פון דעם הייליגן 'מזמור לתודה'

עס דערציילט א יונגערמאן פון ירושלים עיה"ק:

ווי יאר יערליך, ווען איך פאר ארויס צו מיין רבי'ן אויף די צווייטע טעג סוכות, בין איך אויך די יאר געפארן קיין אויסלאנד צו פראווענען די יום טוב סוכות. דער יום טוב איז אריבער מיט א מורא'דיגע געהויבנקייט.

נאך יום טוב, ווען מיר האבן געהערט די ביטערע בשורות וואס עס האט פאסירט אין ארץ ישראל זענען מיר אויך געוואויר געווארן אז דער וועג אהיים איז נישט אזוי גלאטיג, האב איך זיך גלייך פארבינדן צו מיין טרעוול אגענט און אים געפרעגט צי ער האט פאר מיר א וועג אהיים.

דער טרעוול אגענט האט געהאט עטליכע פארשלאגן אבער די פרייזן זענען געווען אויסטערליש טייער, און איך בין געווען היבש פארלוירן נישט וויסענדיג וויאזוי איך געב זיך אן עצה מיט זיי.

איך בין געווען צומישט און אנטויש. איך האב ארומגעקלינגען צו אנדערע טרעוול אגענטן אבער ביי קיין איינעם האב איך נישט געטראפן קיין לעזונג.

איך בין נישט געווען אליין. מיט מיר איז געווען נאך א ידיד מיינער וואס האט געזוכט א וועג אהיים. דער ידיד האט זיך געגעבן א רוף אן צו מיר אז מיר זענען אזוי פארנומען מיט השתדלות, אז מיר האבן אינגאנצן פארגעסן אז מען דארף אויך מתפלל זיין.

אויפ'ן ארט האט ער אנגעהויבן זאגן 'מזמור לתודה' מיט דעם גאנצן ברען און מיט כוונה, און נאך דעם האט ער נאך אמאל אנגערופן די טרעוועל אגענטן.

צום וואונדער האבן מיר ביידע געטראפן א גוטער ארט, אן וואס מיר זאלן דארפן צוצאלן געלט, ווייל די לופטליניע האט עס סארטירט פאר אונז.

עס איז געווען העכער פון די שכל און העכער יעדע דערווארטערונג, אבער אז מען האט מיט זיך די סגולה פון מזמור לתודה, קען מען שפאלטן הימלען.


## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.

מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט

**פארבינדט זיך מיט אונז**

**אויפ'ן נומער - 9722-6-313-742**

## נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300** | דריקט 6

**העברה לבנק לאומי** סניף 902 | חשבון 57390056

**משלוח בדואר** לת.ד. 5475 ירושלים

**בעמדות נדרים פלוס** ע"ש השגחה פרטית

# ערשטהאנטיגע עדות

## שילדערונגען וואס לייענער פון די 'השגחה פרטית' מאגאזין האבן מיטגעטיילט

### א נייע שפראך

איך האב ברוך השם א לעכטיגער שטוב פון קינדער. ווער עס זעט זיי גיין אין גאס איז זיכער אז איך בין די גליקליכסטע טאטע אין די וועלט. זיי לערנען פיין און זיי זעען אויס א מוסטער, אבער אין שטוב איז די בילד אנדערש.

יעדער קלייניגקייט וואס איינער האט מער פון דעם צווייטן איז א גאנצער געשעפט און דערוועקט ביטערע און שווערע קריגערייען.

"פארוואס נאר ער"? טוט זיך א קלאגעריי.

די קולות און די בכיות גייען ארויף עד לב השמים, און איך אליין דער טאטע בין פארנומען פון צופרי ביז ביינאכט מיט'ן שלום מאכן און איינשטילן די געפעכטן.

ווען איך האב געזען אז עס גייט ערשיינען א שיינער און א נייער מאגאזין פון השגחה פרטית, האב איך זיך איינגעשריבן צו איר. איך האב נישט געלייגט אויף איר קיין סאך האפענונג. אין מיינע אויגן איז עס געווען נאך א מאגאזין ווי אלע אנדערע, אבער שוין נאכ'ן ערשטן מאל האב איך איינגעזען אז דאס גייט מאכן די זאך.

איך קען נישט זאגן אז מען האט זיך אויפגעהערט צו שלאגן און מען טענה'ט זיך מער נישט, אבער עס איז אנדערש. אלעס גייט צו מיט אסאך א גרעסערע רואיגקייט, מיט א געשמאקקייט, עס איז דא אסאך מער פארשטאנד אין די לופט, און איך האב זיך ברוך השם אלעס פארדינט אדאנק דעם גליון.

איך דאנק אייך דערפאר און איך בעט אייך אז איר זאלט ווייטער אנגיין מיט דעם, ווייל עס איז א גרויסער הילף פאר'ן כלל און פאר'ן פרט.

### ווער איז באמת דער שדכן?

ווען מיין טאכטער איז אונטערגעוואקסן און געווארן אן אכט יעריגע מיידל האט מען געזען אז זי קען גוט לערנען.

ווען איך האב איר געפרעגט ווער איר האט געגעבן דעם קאפ צו לערנען, האט זי געזאגט: איך האב אסאך געטראכט און וועגן דעם האב איך היינט אסאך שכל.

"און ווער האט דיר געגעבן די כח צו טראכטן"? האב איך ווייטער געפרעגט.

זי האט אויך געפרעגט די קשיא, און מיר זענעןביידע אנגעקומען צו די זעלבע אנערקענונג אז די שכל קומט פון דעם רבוש"ע. אין יענער צייט האב איך איר געגעבן צו פארשטיין אז אלעס וואס זי פארמאגט איז א מתנה פון דעם בורא עולם, אז אלעס קומט פון אים און זי זאל עס אייביג געדענקען.

די יארן זענען אריבער זייער שנעל. זי איז אונטערגעוואקסן. זי האט גע'שמ'ט מיט איר קלוגשאפט און אינטעלעגענטקייט און ווען זי איז אנגעקומען צו די עלטער פון שידוכים האט מען מיר אנגעטראגן א לאנגע רייע פון פארשלאגן, און נאכ'ן זיך אויסוועלן האט מען צוגעטראפן א גוטער שידוך.

די שידוך איז געווען גוט, אבער נאך די חתונה האבן מיר איינגעזען ווי שלעכט מיר זענען אריינגעפאלן, און איך האב זיך אנגעהויבן עסן דאס געזונט איבער די שווערע דורכפאל וואס איך האב געהאט.

עס האט זיך געענדיגט זייער שנעל, אבער די וויטאג איז געווען זייער גרויס און זייער טיף, איך האב עס נישט געקענט נאכקומען.

זייענדיג אזוי פארוויטאגט, האב איך געזוכט אויף וועמען אנצוליגן די כעס און געטראפן דעם שולד אין דער שדכן. איך האב געהאלטן אז ער האט מיר אריינגענארט. איך האב אים אנגעהויבן דערגיין די יארן און אים נישט געקענט קוקן אין פנים. זייענדיג אזוי בייז אויף אים, האב איך אים נישט געקענט פארגעבן.

אין א טאג האב איך געזען אן אדווערטייזמענט אז עס גייט ארויס א מאגאזין אויף די נושא פון השגחה פרטית. איך האב זיך אנגעשלאסן אין דעם ווערנדיג א מעמבער און עס אנגעהויבן באקומען.

איך האב עס געליינט מיט גרויס אינטערעסע, און עס האט זיך מיר געעפענט א נייער וועלט. פון דאן און ווייטער האב איך פארשטאנען אז נישט דאס איז דער זאך, אז דער רבוש"ע פירט אלעס און אז ער האט אזוי צוגעפירט אז איך זאל אריינפאלן.

פון ווען איך בין אנגעקומען צו די אנערקענונג, האבן זיך זאכן געטוישט זייער שנעל. איך בין געווארן רואיגער און אויפגעהערט האבן טענות און מענות אויף דער שדכן, איך האב אנגעהויבן פארשטיין און באגרייפן אז אלעס וואס מען טוט איז באשערט, אז מען מאכט גארנישט אליין.

## דערהאלטן ביים לעבן

איר ווערט אין אייער לעבן נישט פארשטיין וואס איר האט געטון מיט מיר.

אלעס האט זיך אנגעהויבן מוצאי יום טוב שמחת תורה ווען עס האט אנגעהויבן אריינצוקומען די באריכטן איבער וואס עס האט באמת פאסירט אין עזה און אין די אומגעגענט ארום און ארום עזה.

הערנדיג וואס עס האט פאסירט האט מיר באפאלן אן אוממעטיגקייט, א שרעק, איך האב פשוט אנגעהויבן צו ציטערן פאר מיין לעבן.

קעגנאיבער וואו איך וואוין איז דא א גראסערי. אין די גראסערי איז דא אסאך אראבישע איינגעשטעלטע, און איך האב אנגעהויבן ציטערן פון זיי און פאר מיין לעבן.

די שרעק האט מיר אזוי באהערשט אז איך האב אויפגעהערט ארויסצוגיין פון שטוב. פון צופרי ביז ביינאכט בין איך איינגעשפארט אין שטוב.

אין יענע פינסטערע טעג האט מיר א איד געמוטשעט אז איך זאל זיך אויפסיינען צו מאכן א סובסקריפשן צו די השגחה פרטית מאגאזין.

"וואס ווערט עס מיר העלפן"? האב איך אים געפרעגט, אבער דער איד האט נישט נאכגעלאזט און ענדע האב איך זיך געלאזט איבעררעדן און זיך איינגעשריבן דערצו.

וואס זאל איך אייך זאגן? עס האט געטוישט מיין לעבן אויף אייביג. פון דעמאלסט בין איך אן אנדערער מענטש. איך האב איינגעזען ווער איז דער אמת'ער היטער און ווער נישט, איך האב אנגעהויבן ארויסגיין אין גאס און איך האב צוריקבאקומען מיין נארמאלקייט, מיין ישוב הדעת און בעיקר, מיין אמונה איז געווארן זייער שטארק.

איך דאנק אייך זייער פאר אייער הילף, זאל השי"ת געבן אז איר זאלט אייביג קענען ממשיך זיין מיט אייער עבודת הקודש.


E. Kahana

מבצע היכרות מיוחד!!!

חצי מחיר

בעקבות המצב ובכדי שנוכל
בס"ד לחזק את הילדים
ואת כל בני הבית
באמונה ובטחון






כתבות מרתקות
ראיונות מחכימים
מדורים לכל הגילאים
סיפורים בהמשכים
סיפורי קומיקס

9 ₪ לחודש
מבצע למצטרפים השבוע
לחודשיים הראשונים

במיוחד בימים אלו, הבטיחו לעצמכם ולבני ביתכם ימים נינוחים ושמחים, על ידי המגזין המורחב של 'השגחה פרטית' המחדיר בס"ד אמונה וביטחון שלווה ורוגע!

להצטרפות לאלפי המנויים חייגו כעת:

*6176
(שלוחה 3)

או בעמדות 'נדרים פלוס' על שם 'מגזין השגחה פרטית'

# א פעסטע שמירה

ארויסגענומען פון דער שמועס מיט הרה"צ רבי בעריש שנעבאלג שליט"א

צווישן די הונדערטע חסידים פון דער גערער רבי דער בעל אמרי אמת זי"ע איז געווען א בארימטער עושר וועלכער האט געהאנדלט מיט ווייץ. דער איד האט זייער שיין געלייזט פון דעם און איז מיט די יארן נתעשר געווארן פון דעם.

דער שטייגער פון דעם עושר איז געווען אז ער פלעגט אפקויפן ווייץ פון די ווייץ האדעווער, און עס פארקויפן פאר די פריצים.

מיט די יארן האט מען אויסגעארבעט א שטיקל וועג אז נאך איידער ער לאזט זיך ארויס אויפ'ן וועג געבן אים די פריצים איינגאבע געלט. מיט די געלט קויפט ער די ווייץ, און נאכ'ן שניט וועלן אים די פריצים געבן די צווייטע האלב געלט און ער מוז זיי צושטעלן די ווייץ ביז צו א געוויסער באשטימטער צייט.

אין פאל אז ער שפעטיגט די צייט, וועט ער מוזן צאלן קנס געלט פאר די פריצים.

דורכאויס די יארן האט ער קיינמאל נישט געשפעטיגט אפצוגעבן די סחורה אין די באשטימטע צייט, אבער איין יאר זייענדיג אונטערוועגנס מיט זיין געהילף, האט ער זיך דערמאנט אז ער האט פארגעסן די סחורה ביי אים אינדערהיים און איז געווארן זייער באזארגט.

"מיר דארפן אפגעבן די סחורה פאר'ן קישענווער פריץ. ער איז די גרעסטע אפקויפער פון אונז. אויב מיר וועלן שפעטיגן און אים נישט אפגעבן די סחורה אין צייט וועלן מיר אים נאך מוזן באצאלן קנס געלט", האט דער סוחר זיך געזארגט.

דער סוחר האט זיך אויך געזארגט פאר זיין גוטער נאמען. נאך לאנגע יארן וואס ער האט מיט בלוט און שווייס געארבעט אז זיין נאמען זאל זיין א גוטער, אז יעדער זאל וויסן אז ער שטעלט צו די סחורה אין צייט, האט ער יעצט געציטערט אז זיין גוטער רעפוטאציע וועט קאליע ווערן.

אבער אנשטאט אז דער חסיד זאל ארייינפאלן אין א טיפער דיפרעסיע, האט ער אנגעהויבן זינגען און זיך פרייען, און פון גרויס שמחה האט ער פארגעשלאגן פאר זיך א גלעזל בראנפן און אויך פאר די פריצים.

די פריצים האבן זיך צוגעכאפט צו די פארשלאג. אויפ'ן טיש האט מען שנעל ארויפגעלייגט אסאך בראנפן און די פריצים האבן אנגעהויבן טרינקען און שיכור'ן, אז אלע זענען געווארן שיכור.

ביני לביני ווען זיי טרינקען אזוי און זיי ניכטערן זיך אויס נאכ'ן כאפן א גוטער שלאף, האט זיך אראפגעלאזט א שלאקס רעגן, און די ביסל ווייץ וואס ער האט יא געהאט מיט זיך איז געווארן דורכגעווייקט און די גאנצע סחורה איז געגאנגען לטמיון.

ווען די פריצים האבן זיך אויפגעוועקט און געזען וואס עס האט פאסירט אדאנק זייער טרונקעריי, האבן זיי געזאגט פאר'ן אידישן סוחר אז ער דארף זיך נישט זארגן אויף די סחורה, וויבאלד עס איז זייער שולד, אז נאר וועגן זייער טרונקעריי איז די סחורה קאליע געווארן און גענומען די שולד אויף זיך.

"איין זאך ווילן מיר פון דיר - אז נעקסטע יאר זאלסטו ווייטער קומען צוגיין דא, און מיר וועלן פון דיר אפקויפן די סחורה ווי אייביג".

זיין געהילף, זעענדיג וואס דא האט פאסירט, האט ער א פרעג געגעבן פאר דעם סוחר, וויאזוי איז אים איינגעפאלן אזא פאטענט? האט ער אים דערציילט אז לעצטע מאל ווען ער איז געווען ביים אמרי אמת, האט אים זיין רבי א זאג געגעבן די ווערטער 'כי בשמחה תצאו', אז מיט שמחה גייט מען ארויס פון אלע צרות.

בשעת מעשה האב איך נישט פארשטאנען וואס ער מיינט מיט דעם, אבער ווען איך האב זיך געטראפן אין די גרויסע צרה, האב איך זיך דערמאנט פון די ווערטער און איך האב אנגעהויבן זינגען און טראכטן פון שמחה און דו זעסט דאך וואס עס איז געשען, ווייל מיט שמחה קען מען ארויסגיין פון אלע שוועריגקייטן.

די מידת הדין קען נישט שולט זיין ווען מען איז בשמחה מען דערציילט אז א איד איז אמאל אריין צום גערער רבי דער בעל לב שמחה זצ"ל און זיך באקלאגט אז די פרנסה גייט אים זייער שווער, אז ער האט ממש נישט קיין ברויט צו עסן.

"רבי, וואס טוה איך"?

האט אים דער לב שמחה געזאגט אז ער זאל זיין בשמחה און דאס וועט אים ארויסנעמען פון אלע זיינע שוועריגקייטן.

אבער רבי וויאזוי קען איך זיין בשמחה? האט דער חסיד געפרעגט, שילדערנדיג זיין ביטערן מצב.

"נו, וואס טוט מען נישט פאר פרנסה"? האט דער רבי צוריקגעפרעגט.

כלפי מה דברים אמורים? מיר שטיין אין א שווערע צייט, מיר זענען ארומגענומען מיט פיינט פון אלע זייטן און יעדער זוכט אן עצה וויאזוי ארויסצוגיין פון די שוועריגקייטן.

די עצה איז: שמחה.

עס איז דא פחד'דיגער געדאנק פון דעם אמרי אמת אויף פרשת נח. דארט רעדט מען וועגן דער דור המבול און דער אמרי אמת איז מדייק אז איידער השי"ת האט געברענגט דער מבול שטייט אין פסוק (בראשית ו') "וינחם ה' כי עשה את האדם... ויתעצב אל לבו".

זאגט דער אמרי אמת אז דא ליגט א שטארקער דערהער. די תורה הק' וויל אונז אויסלערנען א נקודה. דער אמת איז געווען אז אויפ'ן דור המבול איז שוין לאנג נגזר געווארן א גזירה, אבער די גזירה האט נישט געקענט מקויים ווערן, ווייל די דור המבול איז געווען בשמחה.

אז דער דור המבול זאל קענען חרוב ווערן האט געדארפט ערשט מקויים ווערן דער 'ויתעצב אל לבו', אז זיי זאלן ווערן בעצבות, און נאך דעם האט געקענט מקויים ווערן די גזירה.

אז מען טראכט אריין אין די געדאנק כאפט עס א פחד. דער דור המבול איז דאך געווען א שרעקעדיגע דור, אז די תורה איז מעיד אז זיי זענען געווען די ערגסטע פון די ערגסטע און דאך האבן זיי נישט געקענט אומקומען ווילאנג זיי זענען געווען בשמחה.

דאס איז די כח פון שמחה, ווייל מיט שמחה קען מען ניצול ווערן פון אלע שלעכטע זאכן.

גוטע ווערטער ברענגט שמחה

מען רעדט פון שמחה אבער מען דארף וויסן אז שמחה איז נישט א זאך וואס קומט פון זיך אליין. אז מען וויל זיין בשמחה דארף מען האבן א סיבה צו זיין בשמחה און אז מען זאל האבן א סיבה דארף מען האבן אמונה.

אז מען האט אמונה האט מען שמחה. אז מען האט בטחון קען מען זוכה זיין צו שמחה. אויך דורכ'ן דיבור קען מען אנקומען צו גרויסע זאכן. אז מען רעדט גוטע ווערטער קען מען אנקומען צו גוטע זאכן. עס איז דא אידן וואס רעדן שלעכטס, זיי רעכענען אויס די חסרונות וואס זיי האבן געטון, אבער דאס איז א טעות. דער תפקיד פון א איד איז צו רעדן גוטס און אז מען רעדט גוטס איז מען ממתיק וואס מען דארף ממתיק זיין אויפ'ן כלל ישראל.

די תוה"ק דערציילט אונז אז ווען למך האט געבוירן נח האט ער אים א נאמען געגעבן נח זאגנדיג 'זה ינחמנו ממעשנו ומעצבון ידינו', און ווי רש"י זאגן אויפ'ן ארט: "יניח ממנו את עצבון ידינו".

דער רשב"ם אויפ'ן פלאץ שרייבט אז די סיבה פארוואס מען האט אים גערופן נח איז נישט געווען א נבואה, עס איז געווען א תפלה, אז עס זאל זיין אזוי, און ענדע איז אזוי געווארן, ווייל אז מען זאגט אזויפיל 'נח' ווערט עס מקויים און ווי עס שטייט ביי אים 'ונח מצא חן בעיני ה'".

מיר שטיין אין א צייט ווען מען האט געזען בחוש אז עס איז נישט דא אויפוועמען זיך צו פארלאזן. מען האט געזען אז אלע גרויסע טעכנעלאגיעס האבן גארנישט געהאלאפן, אז נאר דער רבוש"ע קען העלפן, און דאס איז א בחינה פון עקבתא דמשיחא ווען עס וועט נתגלה ווערן לעין כל אז נאר דער רבוש"ע קען העלפן, און דאס וועט אונז ברענגען צו די גאולה שלימה וועלכער וועט זיין בקרוב ממש.





